זה השער לה' צדיקים יבואו בו

בעזהי"ת

# קונטרס
# אהלי ישראל

**חלק א.** געקליבענע דינים פאַר די וואָס פאָרן אין קאָנטריס אָדער קעמפּס וויכטיג צום טאָג טעגליכען יידישען לעבען.
**חלק ב.** די וויכטיקייט פין כשר'ע מזוזות.
**חלק ג.** וואָרענונג צו אידישע פרויען וואָס גייען צו דאָקטוירים.
**חלק ד.** קו' שער התקנות פין כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א.


הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע

## הק' שלום יודא גראס

רב דקהל ,,מגן שאול" ד,,האלמין" ור"מ בישיבה וכולל ,,בית ישעי"
,,מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"

בעהמח"ס: שו"ת ,,**זבחו זבחי צדק**" (על הלכות שחיטה ובדיקה), **חינוך ישראל** סבא (מדריך לחינוך הבנים והבנות) **מדריך לצניעות**, **מנחת יהודה**, (על חומר איסור ,,חלב עכו"ם" ו,,סימילאק"), **נפש ישעי' על מאכלות אסורות** (ה"ח), **גידולי יהודה** (על הלכות ציצית), **קדושת בנות ישראל** (על הלכות יחוד), **מזוזת שלום** (על הלכות מזוזה) **וש"ס**.

בלאאמו"ר הרה"ג הצ' מוהר"ר **ישעי' זאב גראס** זצ"ל נכד השרף מסטרעליסק, ר' יעקב קאפיל חסיד, ט"ז, ב"ח, תוי"ט, רש"י, ולמעלה בקודש עד דוד המלך עה"ש.



הוצאת
**אמונה פאבלישינג**
ברוקלין נוא יארק
שנת תשל"ח לפ"ק

נדפס בבית דפוס
אופסט ,,מ'ריה"
ברוקלין, נוי יארק

דא דרוקען מיר דעם קונטרס **שער התקנות** וואס **הגה"ק רשכבה"ג מרן כ"ק אדמו"ר שליט"א מסאטמאר** האט מתקן געווען **אינדערהיים אין די שטאט סאטמאר** ווען עס האט זיך אנגעהויבען ארייננצורייסען די פארשידענע היינטיגע מאדעס וואס שוין דאן איז דער רבי שליט"א געשטאנען על משמרת הקודש נישט צו צולאזען קיין שום מאדעס און גוי'אישע זאכען, הגם עס האט איהם גורם געווען מחלוקת וכו' צוליב דעם אין זיין אייגענע רבנות שטאט. דאס איז איבערגעדרוקט געווארען דורך אונז (אין 5 טויזנט עקסעמפלארען מיט 7 יאהר צוריק) און מיר האבען דאס אויך איבער געזעצט אין אידיש כדי די ווייבער זאלען פארשטייען, און עס האט ארייגעברענגט א געוואלדיגען התעוררות אינעם עולם און עס האט אויפגעטאהן גדולות ונצורות בעניני צניעות, ע"כ האלטען מיר פאר וויכטיג דאס איבער צודרוקען יעצט לזכות את הרבים, בפרט היינט וואס ב"ה דער חרדישער ציבור האט זיך שטארק פארמערט און עס האט ארייגעבלאזען א רוח קדושה וטהרה אין די הערצער פון די אידישע קינדער אין היימישען קרייז.

ב"ה

קונטרס

# שער התקנות

העתק מכתב יד קדשו מהגה"צ דבן של כל בני הגולה
אב"ד דסאטמאר שליט"א

## לחיזוק הדת

ולתועלת הרבים האָבען מיר עס איבערגעזעצט אויף אידיש
כדי יעדער זאָל עס קענען פאַרשטיין



## שער התקנות העתק מכתי"ק מהגה"צ אב"ד דסאטמאר שליט"א לחיזוק הדת כת"י.

**העתקה** מהתקנות דכה"מ דחסידים שתקנם אדמו"ר שליט"א, אמונים אשר נאספו ונועדו יחד באסיפה כללית (גענעראַל פערזאַמלונג) ביום ג' דהוה"מ סוכות תרח"ץ לפ"ק בהופעת כ"ק אדמו"ר הג' הק' מרן אב"ד שליט"א נועצי לב יהדיו להמתיק סוד ולשית עצות בנפשם כדת מה לעשות ותכתב זאת לדור אחרון אשר קיימו וקבלו עליהם תקנות אלה לשמור ולעשות ככל הכתובה בו.

**שמעו** רודפי צדק מבקשי אמת הן ראה ראינו כי עלה הפורץ בגבולינו רבים קמים להפיר ולפרוץ גדרים וסייגים אשר גבלו ראשונים מימי קדם ואמרנו הגיע העת והעונה לגדור גדר ולעמוד בפרץ כי מורא עלה על ראשינו אם החרש נחריש בעת הזאת ח"ו הרשת פרושה לרגלינו ולדורות הבאים אחרינו והקולר יהי' תלוי בצוארינו ר"ל ולמען לא ישלחו בעולתה ידינו אנחנו קמנו ונתעודד בפקודת כ"ק אדמו"ר שליט"א לאשר ולקיים תקנות אלה להורות לנו את הדרך אשר נלך בה והמעשה אשר נעשה.

## תקנות גדולות שנה כאן

**להשגיח** בעין פקיחא על תהלוכות נשינו ובנותינו ולגדור בעדם שלא ילבשו מלבושי פריצות הנאסרת עפ"י התורה המורשה לנו רק תהי' מצוינים בדת יהדות ובמלבושי צניעות כמשפט בנות ישראל הכשרות ואין בכלל אלא מה שבפרט

א) **לזהר** באזהרה יתירה שלא ילכו ח"ו בשערות היוצאות חוץ לצמתיהן שקורין בייא האהר.

ב) **שלא** ילכו גם בשוקים וברהובות בשייטלעך ופרוועטען של פאה נכרית הדומות לשער אך יתאמץ ויעשתדל כל איש אצל בני ביתו שילבשו זשיאן או פריזעט של משי אומגעדריבעלט ובאם אי אפשר יהי׳ לכל הפחות של משי געדריבעלט במראה דינקיל במכוסת נעץ על ראשם ובאופן אחר שאינו של משי כלל וכלל לא.

**ותקנותינו** אשד נתקן מימי קדם (שנת תרע״ב) קבוע והוקה לבל יתן שום אשה לבוא אל הקודש פנימה רק בזשיאן או פריזעט של משי לבה״פ געדריבעלט וכבר קבלו עליהם ואין לשנות.

ג) **שלא** ילכו בדורכזיכטיקע שטרומפף והדומות לבשר שקורין לייב פארב.

ד) **שלא** ילכו לבתי טיאטער ומאזי וכדומה ולוהר מזה בני ביתם הקטנים עם הגדולים.

ה) **שלא** להניה בנינו ובנותינו לילך בהאויבער שוהלען רק המחוייבים מטעם חוקי המדינה ולא יותר כלל.

ו) **שלא** לקרות בספרי השק המרגילין לכל הדברים המתועבים ר״ל.

ז) **שלא** להניה המטות בבית באמצע החדרים כי אם אצל הכותל וגם בבתי הילדים אסור.

**כל** הנ״ל קיימו וקיבלו עליהם ועל זרעם אשר ישנו פה עמנו היום ואשר איננו פה עמנו להיות עושים ולא יעבור חלילה לפרץ גדר ומי האיש הירא יעמוד על המשמר בכל עוז ותעצומות לבל יתן המשחית ח״ו לבוא אל תוך ביתו ומעתה מי האיש אשר איננו שומע בקולינו ועפ״י תקנותינו הנ״ל מאן ללכת אין בכוחינו לקבלו בבית ההברה אם לא



שיקבל עליו לשמור ולעשות ולקיים תקנות הנ״ל בכל פרטו׳ וצדקה תהי׳ לנו כי נשמור לעשות ככל הכתיבה בו ובדין הוא שניטול שכרו שנוכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות כמאמר הכתוב לא ימושו מפיך ומפי זרעך מעתה ועד עולם אמן.

**כל** התקנות הנ״ל מאוד המה נהוצים מעיקרי דתי התוה״ק והשי״ת יעזרינו עדכ״ש לשמור ולעשות ולקיים עדי נזכה לראות בישועת כל ישראל ושמחתן בב״א.

**ה״ק יואל טייטעלבוים**

## אַ פרייע איבערזעצונג פון די תקנות, אין בית המדרש החסידים, (אין סאטמאר) וואס דער רבי שליט״א האט זיי איינגעפיהרט

**די** גלויביגע אידען וואס האבען זיך פארזאמעלט, אין א גע־נעראל פארזאמלונג ביום ג׳ דחול המועד סוכות, שנת תרה״ן לפ״ק. מיטען ערשיינונג פון כבוד קדושת אדונינו מורינו ורבינו הגאון הקדוש מרן אב בית דין שליט״א, האבען זיי זיך בארעטן איינאיינעם צו זוכען עצות מיט וואס זיך צו דערהאלטען ביי אידישקייט אין דעם לעצטן דור, און זיי האבען גענומען אויף זיך, אפהיטען און צו טוהן די פאלגענדע תקנות, וואס וועלען ווייטער שטיין געשריבען.

**שמעו**: הערט צו, די וואס יאגען זיך נאך גערעכטיקייט, און זוכען דעם אמת. פארוואר, מיר האבען איינגעזעהן אז אויך ביי אונז איז אויפגעקומען די בראך אין אונזער גרענעץ. פיל זענען אויפגעשטאנען צו פארשטערען און צוברעכען די צוימען וואס די פריערדיגע צדיקים און גאונים האבען אונדז

פארצוימט, דערפאר האבען מיר געטראכט און געזאגט עס איז שוין געקומען די צייט, מיר זאלען צוריק פארצוימען, און שטיין אויף די וואך. ווייל א שרעק איז געקומען איבער אונדז, אז אויב מיר וועלען יעצט פארשוויגען וועט ע״כ ח״ו שאדן פאר אונז אין די קומענדיקע דורות און די שטראף וועט הענגען אויף אונזער האלדז ר״ל. ובכדי מיר זאלען נישט האבען קיין חלק אין די גרויסע זינד, האבען מיר זיך דערוועקט מיטן באפעהל פון כ״ק אדמו״ר שליט״א אז מיר זאלען מקיים זיין און זיך פארשטארקען אין די תקנות וואס דאס וועט אונז ווייזען דעם יידישען וועג ווי מיר זאלען גיין און וואס מיר זאלען טוהן.

## גרויסע תקנות ווערען דא געלערנט

**אז** מען זאל אכטונג געבען מיט אפענע אויגען אויפ׳ן גאנג פון אונזערע ווייבער און טעכטער, אז זיי זאלען נישט גיין אנגעקליידעט מיט פריצות׳דיגע קליידער וואס דאס איז אסור לויט די הייליגע תורה וואס איז אונז איבערגעגעבען געווארען א ירושה פון דור דורות, נאר זיי זאלען זיין געקליידעט אין אויסגעצייכענט לויטן רעליגיעזן אידישען שטאנדפונקט, און מיט צניעותדיגע קליידער, אזוי ווי עס פאסט פאר עהרליכע אידישע טעכטער אזוי ווי עס ווערט דא אויסגערעכנט.

א) **מען** זאל זיין געווארענט גאר שטרענג אז די ווייבער זאלען נישט גיין ח״ו מיט קיין ביי האר.

ב) **אז** זיי זאלען נישט גיין אין די גאסען אנגעטוהן אין שייטלעך אין פריזעטען פון פרעמדע האר וואס זעהט אויס ווי האר, נאר יעדער מאן זאל זיך שטארק פארלייגען און אויספיהרען ביי די בני בית, זיי זאלען זיך קליידען מיט א זשיאן אדער א פריזעט פון **אומגעדריבעלטן זייד**. און אויב עס איז אומעגליך דאס אויסצופיהרען זאל עס אמ־וויינגסטען זיין פון טונקעלן געדריבעלטען זייד און באדעקט



מיט א נעץ אויפן קאפ. אבער א אנדער מין סארט וואס איז נישט קיין זייד, **דאס טאר מען בכלל** נישט **אנטוהן**.

**אונזערע** תקנות וואס מיר האבען מתקן געוועזען אין יאר תרע״ב איז נאך אין איהר קראפט אז מען זאל נישט אריין לאזען אין ווייבער שוהל א פרוי נאר מיט א זשיאן אדער מיט א זיידענע פריזעט אמוויינגסטענס געדריבעלט, דאס האט מען שוין לאנג אנגענומען אויף זיך און מען טאר עס נישט פארענדערין.

ג) זיי זאלען נישט גיין אין דורכזיכטיקע שטרומפף, און די וואס זעהן אויס ווי לייב פארב.

ד) **זיי** זאלען נישט גיין אין טעאטערס אדער מאאזים (מא־וויס), אד״ג, דאס דארפען זיין געווארנט פון קליין ביז גרויס.

ה) **אז** מיר זאלען נישט לאזען אונזערע זיהן און טעכטער גיין אין די אויבער שוהלען (היי סקולס) נאר ווי מען דארף לויטען געזעץ.

ו) **אז** מען זאל נישט לייענען קיין טרפהנ׳ע ביכער (ראמא־נען) וואס געוואוינען צו צו אלע אומווירדיגע און אויס־געלאסענע זאכן רחמנא ליצלן.

ז) **אז** מען זאל נישט לייגען די בעטען אין דערמיט פון שטוב נאר דוקא לעבען די וואנט, און אויך אין די קינדער שטוב טאר מען נישט.

**די** אלע אויבענדערמאנטע תקנות האבען מקבל געוועזן די אלע וואס געפינען זיך דא מיט אונדז, און אויף זייערע קינדער און די וואס זיי געפינען זיך נישט דא, אז מען זאל דאס מקיים זיין און נישט עובר זיין און חלילה אז מען זאל

איינברעכן דעם צוים. און דער מענטש וואס איז א ירא שמים דארף שטיין אויף דער וואך מיט די גרעסטע (פארזיכטיקייט) און אנשטרענגונג, אז ער זאל נישט לאזען חס ושלום דעם משחית אריינקומען אין זיין הויז. און פון יעצט אהן ווער עס וועט זיך נישט פיהרען לויט די תקנות, און וועט דאס נישט אויספאלגען, דעם האט מען נישט קיין רעכט אריינצונעמען אין אונזער חברה. נאר אז ער וועט מקבל זיין אויף זיך מקיים צו זיין די תקנות, מיט אלע פרטים, און גערעכטיקייט וועט זיין פאר אינו אז מיר וועלען מקיים זיין און אפהיטען די אלע אויבנדערמאנטע תקנות. און דורכדעם איז מען ווערט צו באקומען א גוטען שכר אז מיר זאלען זוכה זיין צו זען קינדער און קינדס קינדער וואס באשעפטיגען זיך אין תורה און מצוות אזוי ווי דער פסוק זאגט לא ימושו מפיך ומפי זרעך מעתה ועד עולם אמן

די אלע אויבנדערמאנטע תקנות זענען זייער וויכטיג און זיי זענען פון די הויפט נעוועצן פון די הייליגע תורה, און השי"ת זאל אונז העלפען וועגען זיין הייליגען נאמען אז מיר זאלען עס קענען מקיים זיין כיז מיר וועלען זוכה זיין צו זען אין די ישועה פון אלע אידען אין ווייער פרייד במהרה בימינו אמן.

ה"ק יואל טייטעלבוים

ת. ו. ש. ל. ב. ע.

קונטרס

# דבר משה

## על דיני ומנהגי ישראל הנחוצים והנשכחים

ליקוט מגדולי הפוסקים, אשר מימיהם אנו שותים הלכות גדולות ושכיחות יום יום, ואין איש שם על לב, מחמת חסרון ידיעה וגודל הטרדות. מסודר בלשון צח וקצר כדי שירוץ הקורא בו, וראיה מביא לידי זכירה וזכירה מביא לידי עשיה.

הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הקי' זי"ע
**הק' שלום יודא גראס**
רב דקהל "מגן שאול" ד"האלמין" ור"מ בישיבה וכולל "בית ישעי'" "מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"

בעהמח"ס: שו"ת "זבחו זבחי צדק" (על הלכות שחיטה ובדיקה), חינוך ישראל סבא (מדריך להינוך הבנים והבנות) מדריך לצניעות, מנחת יהודה, (על חומר איסור "חלב עכו"ם" ו"סימילאק"), נפש ישעי' על מאכלות אסורות (ה"ח), גידולי יהודה (על הלכות ציצית), קדושת בנות ישראל (על הלכות יחוד), מזוזת שלום (על הלכות מזוזה) וש"ס.

בהאאמו"ר הה"ג הצ' מוהר"ר ישעי' זאב גראס זצ"ל נכד השרף מסטרעליסק, ר' יעקב קאפיל חסיד [illegible] בית [illegible] ולמעלה בקודש עד דוד המלך ע"ה"ש.

ברוקלין יצ"ו • שנת תשל"ח

הוצאת
אמונה פאבלישינג